ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 18

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## פארוואס בין איך נישט פרייליך?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך שפיר זיך ווי א כפוי טובה פאר'ן אייבערשטן, אלעס גייט מיר ברוך ה' אזוי פיין, מוהרא"ש שרייבט אזויפיל מאל "אלע דיינע פראבלעמען קומען ווייל דו ביסט נישט פרייליך", וויל איך פרעגן פונעם ראש ישיבה שליט"א פארוואס טאקע בין איך נישט פרייליך? פארוואס נעמט מיר אזויפיל מאל ארום אזא טרויעריגקייט? איך קען זיך נישט באפרייען דערפון...*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תולדות, כ"ו מר-חשון, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיין פרייליך איז נישט קיין גרינגע עבודה, זיין פרייליך איז די שווערסטע עבודה, און די הייליגסטע עבודה; זוכה זיין צו שמחה איז נישט קיין גרינגע זאך, מען דארף אויף דעם אזויפיל בעטן, און אזויפיל שרייען צום אייבערשטן; בעט דעם אייבערשטן די תפילה יעדן טאג:

**"רבונו של עולם געב מיר שמחה, איך זאל זיין אזוי פרייליך, איך זאל דיך שפירן אין אלע מיינע ביינער און אין אלע מיינע אדערן, איך זאל זיין אזוי שטארק פרייליך - ביז די שמחה וועט קומען צו מיינע פיס און איך וועל טאנצן יעדן טאג פון גרויס שמחה אויף די גרויסע חסדים אז איך בין איד און אז איך קען טון דיינע מצוות.**

**אנא השם איך בעט דיר אייבערשטער, הרחק ממני את העצבות והעצלות, נעם אוועק פון מיר די דערביטערטקייט און די פוילקייט, העלף מיר איך זאל יעדן טאג רעדן מיט אנדערע פון דאס גרויסקייט פון שמחה, איך זאל זוכה זיין צו קענען פרייליך מאכן אנדערע, און אזוי וועל איך אליין זוכה זיין צו זיין פרייליך, און בזכות וואס איך וועל זיין אזוי שטארק פרייליך וועל איך נכלל ווערן אין דיר, ביז איך וועל קומען צו זען נאר דיך, איך וועל גארנישט זען נאר דיך.**

**העלף מיר הייליגער באשעפער איך זאל זוכה זיין צו האבן א קלארע לויטערע ריינע אמונה, איך זאל געדענקען אז עס איז גארנישט דא נאר דו באשעפער, און זיי מיר מוחל אלע מיינע עבירות, און איך זאל גארנישט וועלן נאר זיין מיט דיר, אמן סלה".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## פארוואס גייט מיין ביזנעס אזוי שוואך?

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת לך לך, ו' מר-חשון, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס וועט דיר העלפן דאס דאגה'נען, וואס וועסטו האבן פון דאגות? דאגות העלפט נישט, דאגות הרג'עט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין ק:): "לֹא תֵעִיל דַּוְיָא בְּלִבְּךָ", זאלסט נישט ארום גיין מיט קיין דאגות, "דְּגַבְרֵי גִּיבָּרִין קְטַל דַּוְיָא", ווייל דאגות האט שוין גע'הרג'עט אסאך גיבורים; ווען א מענטש לעבט מיט אמונה, ער ווייסט קלאר אז דער אייבערשטער איז אלעס - און אלעס איז נאר ער, יעדע זאך וואס פאסירט אויף די וועלט איז מיט א פינקטליכער חשבון, דעמאלט גייען אוועק אלע דאגות.

### דריי תפילות מיט מנין

נעם אריין דעם אייבערשטן אין די ביזנעס וועט די ביזנעס מצליח זיין. די ערשטע זאך, הויב נישט אן טון ביזנעס איידער דו גייסט דאווענען, מען קען נישט מצליח זיין נאר אויב מען דאווענט די דריי תפילות מיט מנין, ביים דאווענען זאלסטו נישט קוקן אין טעלעפאן, נאר קוק אין סידור.

### געב מעשר און צדקה פאר גוטע פלעצער

צווייטנס, זאלסט געבן מעשר, און בעט דעם אייבערשטן די צדקה זאל גיין פאר גוטע פלעצער. מען קען געבן צדקה, מען מיינט מען געבט צדקה און עס איז ליידער בכלל נישט קיין צדקה, בעט דעם אייבערשטן דיין צדקה זאל גיין צו אמת'ע צדקה.

האלט אין די אפיס א צדקה פושקע, לייג אריין שטענדיג צדקה - וועט זיין גרויס הצלחה.

### גיי א שפאציר און רעדט צום אויבערשטן

ועל כולם זאלסטו יעדן טאג גיין א שפאציר זיך מתבודד זיין, רעד צום אייבערשטן אין דיין שפראך כידבר איש אל רעהו, אזוי ווי מען רעדט צו א גוטער פריינד. בעט אים דו זאלסט זיך נישט לאזן

נארן, דו זאלסט געדענקען אז די וועלט איז נאר אן איבערגאנג צו די אמת'ע וועלט, צו די אייביגע וועלט, דו זאלסט קענען אריינכאפן גוטע זאכן, דאווענען און לערנען, און טון מצוות און מעשים טובים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי האסטו זיך אזוי געטוישט און געווארן אזוי רואיג?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס דער ראש ישיבה שליט"א טוט פאר אונז, אלע שיעורים, ניגונים, בריוו, איך האב נישט גענוג ווערטער צו דאנקען דעם אייבערשטן פאר דעם גרויסן אור וואס איך האב זוכה געווען צו טרעפן פאר בערך צוויי יאר צוריק.*

*איך האב נישט אויסגעזאגט פאר קיינעם אז איך האלט מיט די שיעורים, אבער פאר עטליכע חדשים צוריק האט מיין ווייב מיר געפרעגט וואס איז געשען מיט מיר, "דו האסט אזוי שטארק זיך געטוישט צום גוטן, ביסט אלעמאל רואיג, אלעס איז דער אייבערשטער, האסט אנגעהויבן לערנען און דאווענען, דערציילן מעשיות פון תפלה, האסט אוועקגעווארפן דיין סמארטפאון, דיין כיבוד אב ואם האט זיך איינגאנצן געטוישט", האב איך איר דעמאלט דערציילט איבער דעם גרויסן אור וואס איך האב געטראפן.*

*מיין משפחה איז געווען אויף געהאקטע צרות, צוויי געשוויסטער האבן פרובירט זיך צו נעמען דאס לעבן רחמנא ליצלן, אנדערע צוויי זענען אויף שווערע טעראפי, מען האט מיר אויך פרובירט צו שיקן אויף טעראפי עטליכע מאל, איך האב אבער ברוך ה' געטראפן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, און זייט דעמאלט האט מיין לעבן אויפגעשיינט. איך האב ברוך ה' שוין געענדיגט איבער צען מאל משניות, איך ענדיג יעצט נ"ך, איך האב ברוך ה' שיעורים אין רבינ'ס ספרים, אין ליקוטי הלכות, אין ירושלמי, און נאך.*

*דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער האבן אסאך כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט.*

*יישר כח*

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת לך לך, ו' מר-חשון, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### די רבי היילט אויס

עס איז ממש אזוי ווי דו זאגסט, מען ווערט א נייער מענטש, מען ווערט א גרויסער ערליכער איד. דער הייליגער רבי האט אויסגעפירט די מעשה פון די זיבן בעטלערס, די לעצטע ווערטער פון די מעשה זאגט דער רבי (ספורי מעשיות, מעשה יג): "און איך הייל זי"; דער רבי מיט זיינע עצות און חיזוק - היילט אונז, ווער עס הערט דעם רבינ'ס ווערטער און לערנט דעם רבינ'ס ספרים - ווערט אויסגעהיילט.

### דער סמ"ך מ"ם האט זייער מורא פון רבי'ן

ליידער רעדט מען אויפן רבי'ן און אויפן רבינ'ס תלמידים כל דבר אסור, דער סמ"ך מ"ם האט זייער מורא פון רבי'ן און פון זיינע תלמידים, דער הייליגער רבי האט דערציילט (שם, מעשה ז', מזבוב ועכביש) פאר זיין נשמה איז אראפגעקומען אויף די וועלט איז דער סמ"ך מ"ם געקומען צום בית דין של מעלה מיט א טענה: "אויב די נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט, פארוואס האט מען מיך באשאפן?" האט מען אים געענטפערט: "די נשמה מוז אראפקומען אויף די וועלט, גיי זוך דיר אן עצה", איז ער אוועק געגאנגען און ער איז צוריק געקומען מיט אן אלטיטשקער אן איינגעבויגענער, זיי האבן זייער געלאכט און גוזאגט אז זיי האבן שוין אן עצה, און די נשמה קען שוין אראפקומען אויף דער וועלט.

וואס איז די עצה פונעם סמ"ך מ"ם? מוהרא"ש זאגט אז זיין עצה איז אז ער פארשעמט דעם רבי'ן; דאס וואס מיר ליידן ביז היינט פון דעם וואס מענטשן מיינען אז ברסלב איז א פלאץ פון משוגעים און מטורפים, דאס איז אלס א מניעה וואס דער סמ"ך מ"ם שטעלט אוועק אז מען זאל מורא האבן פון ברסלב, מען זאל נישט לערנען דעם רבינ'ס ספרים און מען זאל זיך צוריק האלטן פון האבן שייכות מיט ברסלב'ער חסידים.

### מ'ווערט א נייע מענטש

ווער עס לערנט דעם רבינ'ס ספרים אדער הערט שיעורים פון רבינ'ס עצות, במשך די צייט ווערט מען נתהפך, מען ווערט א נייער מענטש, מען ווערט געזונט און מען ווערט א גרויסער צדיק. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קענט איר זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכער איד ווי איך מיין אן ערליכער איד", און רבי נתן זאגט (שם): "וְגַם אֲפִילּוּ עַכְשָׁו", אויך יעצט, נישט נאר אמאל, "כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", ווער עס לערנט דעם רבינ'ס ספרים און הערט שיעורים פון רבינ'ס עצות, "יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", האט דאס א שטארקע כח אויפצואוועקן דעם מענטש זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן, "לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת", זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט אן אמת, עיין שם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**פארוואס דארף איך שלאפן אזוי סאך?**

**וואס טו איך אז איך קען נישט פארנעמען וועןיעדער קוקט אויף מיר?**

**ווי אזוי קען איך זיך בעסער פארשטיין מיט מיין איידעם?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל, שרייבט צו:
trpy458@gmail.com

-

קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066